בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת וילך תשע"ז | שבת שובה | גליון 379 [שנה ח']

**דער צדיק שיינט אריין התעוררות אין די אידן**

וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל: (ל"א א') איז דען מעגלאך אז משה האט גערעדט צו גאנץ כלל ישראל? נאר ביים הייליגן ר' אשר ישעי' מראפשיץ זצוק"ל איז אמאל געקומען א חסיד צו אים און איז געווען דארטן א פאר וואכן, און דער חסיד טראכט איך בין שוין דא עטליכע וואכן און דער רבי האט מיר נישט געגעבן א דרך אין עבודת ה'! און טראכט אז ער וועט גייט פרעגן דעם רבין א דרך, און ווען ער קומט צום רבין עפענט מען אים די טיר און גייט אריין און זעט ווי דער רבי גייט אהין און צוריק אין צימער, ווען דער רבי מערקט דעם חסיד, הויבט ער אן זאגן די קשיא פון וילך משה וידבר את הדברים אל כל ישראל, נאר דער תירוץ איז: אז משה איז געגאנגען אין זיין חדר אהין און צוריק מיט א שטארקן דביקות, און האט אזוי גערעדט צו כלל ישראל אז ער האט אריינגעשיינט א דרך אין עבודת ה', דער חסיד האט שוין נישט געדארפט פרעגן פאר א דרך אין עבודה וויסנדיג אז דער רבי שיינט אריין ביי אים דעם ריכטיגן דרך. (אמרי יהודה– ברעזאן) דער זעלבע ענין זאגן די הייליגע צדיקים אויף הרה"ק ר' אהרן הגדול מקארלין זצוק"ל וואס עס איז מקובל אז ער האט געמאכט פ"ד אלף בעלי תשובה, און מען פרעגט איז דען מעגלאך אז ער האט געקענט רעדן צו אזוי פיל מענטשן? נאר דער תירוץ איז, ער האט נישט גערעדט בפרטות צו יעדן איינעם, נאר ער איז געווען אויסגעדרייט צום ארון הקודש און האט געזאגט דברי התעוררות און אזוי אריין געברענגט א הרהור תשובה צו די אלע אידן. מען זאגט נאך פון צדיקים אז ביי זייערע טישן בשעת זיי האבן געקוקט אויפן עולם האבן זיי אריינגעשיינט יראת שמים. (שמח זבולון)

**וואס איז דער ענין פון בן מאה ועשרים שנה אנכי היום**

וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם בֶּן־מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא וַה' אָמַר אֵלַי לֹא תַעֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה: (ל"א ב') זאגט רש"י לֹא אוּכַל: ווייל ה' אָמַר אֵלַי, דער אויבערשטער האט מיר פארבאטן, און דעריבער קען איך נישט אריינגיין אין ארץ ישראל. אויב אזוי איז שווער פארוואס דארף שטיין אין פסוק אז משה זאגט בֶּן־מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם, וואס איז דער נפק"מ ווי אלט ער איז, ווייל די אלטקייט האט נישט צו טאן מיט זיין נישט אריינגיין אין א"י, נאר ווייל אזוי האט ה' געוואלט, אויב אזוי וואלט נאר געדארפט שטיין וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא וַה' אָמַר אֵלַי לֹא תַעֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה? נאר משה רבינו האט געוואלט ארויסדריקן פאר די אידן אז זיי זאלן נישט מיינען אז ווייל ער איז שוין א אלטע איד פון הונדערד און צוואנציג יאר און האט שוין נישט קיין כח דעריבער קען ער זיי נישט אריין ברענגען אין א"י, ממילא איז די חסרון פון זיין זייט! דעריבער זאגט זיי משה און דא האט ער געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן וואס האט אים געגעבן א געזונטן עלטער, ווי עס שטייט לֹא נָס לֵחֹה, און וועגן דעם באדאנקט משה דעם אויבערשטן, אז נישט ווייל ער איז אלט און קראנק דעריבער קען ער זיי נישט אריין ברענגען אין א"י! נאר אדרבא איך דאנק דער הייליגע באשעפער אז מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם, און איך בין געזונט, דאס שטייט אין פסוק וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם בֶּן־מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם און איך דאנק דעם באשעפער אז איך בין געזונט און פריש, איי פארוואס לֹא אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא קען איך נישט אריינגיין אין א"י? איז נאר ווייל וַה' אָמַר אֵלַי לֹא תַעֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה. (דרושי הרמבא"ד–דייטש)

**שם ה' אנפאנג און סוף פסוק**

ה' אֱלֹקֶיךָ הוּא עֹבֵר לְפָנֶיךָ הוּא־יַשְׁמִיד אֶת־הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִלְּפָנֶיךָ וִירִשְׁתָּם יְהוֹשֻׁעַ הוּא עֹבֵר לְפָנֶיךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר ה': (ל"א ג) עס איז א פלא אז דער פסוק פאנגט זיך אן מיטן שֵׁם ה' און ענדיגט זיך מיט שֵׁם ה', וואס מען טרעפט נישט נאך אזא פסוק אין די תּוֹרָה! נאר די פסוק איז מרמז אז יְהוֹשֻׁעַ וואס ער איז די שר צבא און פירט די אלע מלחמות, זאל מען נישט טראכטן אז ער איז דער מנצח פון די מלחמות, נאר דער אויבערשטער אליין, ער איז דער מנצח, און יְהוֹשֻׁעַ איז נאר זיין שליח, דעריבער איז דער פסוק ארום גענומען מיטן שֵׁם ה'. דאס זעלבע זאך געפינט מען ביי די קפיטל לְדָוִד –ה' אוֹרִי וְיִשְׁעִי, וואס פאנגט זיך אויך אן מיט ה' – אוֹרִי, און ענדיגט זיך מיט ה'– וְקַוֵּה אֶל ה'– מיט די זעלבע כוונה, ווייל דוד המלך זאגט אֶת פָּנֶיךָ ה' אֲבַקֵּשׁ, ווייל אפילו איך דוד איז געווען די שר הצבא, ווייס איך אז דער מנצח איז ה', דעריבער הויבט אן דוד, ה' אורי וישעי און ענדיגט מיט וְקַוֵּה אֶל ה', דעריבער איז דאס ארום גענומען מיטן שֵׁם ה'. [נאר ה' איש מלחמה, און אנדערע זענען נאר שלוחים] (אהבת תורה הורוויץ)

## מדור העובדות

הרה"ק ר' דוד מלעלוב האט געפראוועט צו שלום מאכן מיט א שונא וואס האט געמיינט שלעכטס און איז ארויסגעקומען גאר גוט'ס

אין ירושלים איז געווען דער כולל גאליציא וואס האט געהאלפן די אידן וואס זענען געקומען פון גאליציא און זיי האבן אויך געהאט א חשובן כולל מיט תלמידי חכמים מופלגים. צוויי יונגעלייט ר' אשר און ר' מנחם האבן דארטן געלערנט און דער ר' אשר האט נישט געקענט ליידן ר' מנחם. ער האט אלץ געזוכט אים צו ווי צו טאן און אים טשעפן. ר' מנחם איז געווען א דערהויבענער איד און א חסיד פון ר' דוד לעלובער און האט נישט צוריק

געענטפערט און אלעם מקבל געווען באהבה. א מענטש איז דאך א מענטש און עס האט אים אנגעהויבן צו שטערן די עבודת ה' פון ר' מנחם און האט מחליט געווען ער וועט זיך אויסרעדן פאר זיין רבין און ער זאל אים געבן א עצה. דער רבי האט אים אויסגעהערט און נעמט זיך טראכטן און זאגט "שוייג און שווייג, וועסט נישט חרטה האבן! עס שטייט אין חז"ל (שבת פ"ח) הַנֶּעֱלָבִין, די וואס ווערן פארשעמט, ואינן עוֹלְבִין, און פארשעמען נישט צוריק, שומעין חרפתן זיי הערן זייערע שאנדע, ואין משיבין, און ענטפערן נישט צוריק, עושין באהבה וכו' עליהן הכתוב אומר (שופטים ה לא) וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ. זיי שטייגן צו גאר הויכע מדריגות. זאגט דער רבי אויב דו וועסט אים נישט צוריק ענטפערן וועסטו שטייגן אין רוחניות און וועסט נאך האבן א טובה בגשמיות."

ר' מנחם איז א איד א מאמין און פאלגט וואס דער רבי זאגט, אבער דאס וואס דער רבי האט געזאגט פון דער שטייגן אין גשמיות איז געווען א פלא ביי אים ווייל ווי אזוי וועט ער קענען האבן א גשמיותדיגע טובה פון שווייגן? דעמאלטס האט ר' מנחם געדארפט חתונה מאכן זיינע צוויי ערשטע קינדער און דער סדר פון כולל גאליציא איז געווען, אז מען האט געגעבן א שיינע המלצה און אויך געצאלט פאר א נסיעה קיין ווין וואו א גרויסע גביר פלעגט געבן א גרויסן חלק פון די חתונה און מיט די הילף פון נאך אידן פון ווין האט מען געהאט גענוג אויף די חתונה. ר' מנחם איז געגאנגען צו ר' דוד לעלובער זיך געזעגענען און געבעטן א ברכה. דער רבי האט זיך פארטאכט א ווײלע און נאכדעם געוואונטשן א ברכה להצלחה.

ר' מנחם איז געפארן קיין ווין מיט א פולע אמונה אין רבין אז ער וועט מצליח זיין. ווען ער איז אנגעקומען קיין ווין האט ער געהאפט אז ער וועט זיין א טאג צוויי אין ווין ממילא האט ער געטראכט צו גיין שלאפן אין שול. ער האט אפגעזוכט דעם אדרעס פון דעם גביר און ר' מנחם גייט אהין און קלאפט אויפן טיר. פונק דעמעלטס איז דער גביר געווען פארנומען אין א פארצווייגטע געשעפט און דער שמש האט געזאגט פאר ר' מנחם ער קען אים נישט אנעמען יעצט. ר' מנחם בעט זיך אז ער איז געקומען נאר אויף געציילטע טעג. זאגט אים די שמש אויב דו ווילסט א קליין נדבה קען מען דיר יעצט געבן, אבער אויב דו ווילסט מען זאל דיר העלפן פאר די חתונה מוזטו בלייבן דא אין ווין און קום צוריק די אנדערע וואך דינסטאג מיטאג צייט. ר' מנחם האט נישט געהאט קיין ברירה און האט געזאגט ער וועט צוריק קומען.

ר' מנחם האט מחליט געווען אז ער דארף גיין זוכן א פלאץ צו קענען נעכטיגן און איז געגאנגען אין א קרעטשמע צו זיין דארטן די גאנצע וואך און אזוי וועט ער קענען ארום גיין אין די שטאט נאך געלט. דעמאלטס איז געווען דעם געזעץ אין ווין אז א פריוואטער מענטש טאר נישט גיין נאך געלט און אויב מען האט איינעם געטראפן דאס טאן האט מען אים געקענט איינזיצן פאר דעם. ר' מנחם האט נישט מורא געהאט און האט זיך געדרייט מיט זיין זעקל געלט און א פאליציי מענטש שטעלט אים אפ און פרעגט וואו ער גייט און וואס איז די געלט וואס ער האט מיט זיך? האט ר' מנחם געענטפערט אז ער איז א משולח פאר כולל גאליציא אין ארץ ישראל. דער פאליציי האט געזאגט דו זעסט אויס ווי א ארימאן וואס גייט נאך געלט פאר דיר און מען דארף דיר נעמען אין פאליציי סטאנצי'. ר' מנחם האט זיך נישט פארלוירן און שטארקט זיין אמונה און בטחון און האט געזאגט ער גייט מיט זיי. ר' מנחם איז מתפלל צום אויבערשטן ער זאל זיך פון די פאליציי ארויסדרייען.

ווען ר' מנחם קומט אן פרעגט אים דער אפיצער נאכאמאל די שאלות און ר' מנחם זאגט ער פארדינט שיין פון כולל און ער איז נישט א ארימאן. דער אפיצער האט געפרעגט אין טלפון צו עס איז דא בכלל א כולל גאליצי' און ווען מען האט אים געזאגט אז עס איז א באקאנטע מוסד פון שטאט, האט ער געפרעגט ר' מנחם פאר דעם טלפון נומר פון כולל אין ירושלים, און האט זיי דאס געגעבן. דער אפיצער רופט אן אין כולל און האט געזאגט אז מען רופט פון ווין און מען וויל רעדן מיט א איינגעשטעלטע. פונקט דעמאלטס איז ר' אשר וואס איז געווען דער שונא פון ר' מנחם אין משרד פון כולל, און ווען ר' אשר האט געהערט אז מען רופט פון ווין האט ער געטראכט אז זיכער רופט דער גביר פון ווין מברר זיין אויב ר' מנחם איז א נצרך און ער האט געוואלט קיילע מאכן האט ר' אשר גענומען דעם טלפון און מען פרעגט צו ר' מנחם פון אייער כולל איז א ארימאן אדער נישט? האט ר' אשר געענטפערט אז ר' מנחם פארדינט זייער שיין און האט אסאך געלט. יענער פון ווין האט אים געדאנקט און אראפגעלאזט דעם טלפון.

דארטן אין ווין האט דער אפיצער זיך אנטשולדיגט פאר ר' מנחם און געזאגט אז טאקע אין כולל האט מען געענטפערט אז דו פארדינסט שיין ממילא ביזטו פריי צו גיין. ר' מנחם האט שווער אפגעאטעמט און געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן. ער האט שוין מחליט געווען אז ער גייט שוין מער נישט נאך געלט און האט זיך אריינגעזעצט אין שול לערנען און געווארט אויפן טאג וואס דער גביר האט באשטימט פאר אים, און איז דעמאלטס געגאנגען צום גביר וואס האט אים זייער שיין אויפגענומען און געגבן א שיינעם נתינה און ר' מנחם האט יעצט געהאט גענוג פאר די חתונות פון ביידע קינדער.

ווען ר' מנחם איז אנגעקומען קיין ירושלים איז ער געגאנגען דערציילן דער רבין אלעם וואס איז פארגעקומען אין ווין. און די הצלחה פון די גביר. דער רבי האט געגעבן א שמייכעל און געשיקט פרעגן ווער האט גערעדט מיט ווין אויפן טלפון, האט מען אים געזאגט אז ר' אשר איז דאס געווען. דער רבי האט געשיקט רופן ר' אשר און האט אים געזאגט אז דו האסט געמיינט אפטאן ר' מנחם ער זאל נישט באקומען געלט פון די גביר אבער וויסן זאלסטו אז דו האסט גאר געטאן א געוואלדיגע טובה פאר דיין שונא. ווייל ווען דו ענטפערטס נישט דעם טלפון און זאגסט אז ר' מנחם פארדינט שיין וואלט ער געקענט זיצן אין תפיסה, איך מיין אז עס איז א סימן פון הימל, אז ווייל דו האסט געווען דער וואס האט אים געהאלפן מיין איך אז איר זאלט מאכן שלום און ביידע וועלן מצליח זיין.

ר' אשר האט איינגעזען די ריכטיגער רייד פון רבין און האט געמאכט שלום אויפן ארט מיט ר' מנחם. און דער רבי האט געזאגט פאר ר' מנחם ער זאל מוחל זיין בלב שלם פאר ר' אשר. ביידע זענען געווארן נאנטע ידידים און ר' אשר איז אויך געווארן מקורב צו ר' דוד זצוק"ל. האט דער רבי זיך אנגערופן צו ר' מנחם: "יעצט פארשטייסטו וואס איך האב דיר געזאגט אז דו וועסט אויך האבן א טובה בגשמיות" (קודש הילולים)

דאס קען זיין וואס דער פסוק מיינט: וּמֵעַז יָצָא מָתוֹק (שופטים יד יד) וּמֵעַז, פון די שטארקע לייב, יָצָא מָתוֹק, קומט ארוים זיסע זאכן, ווען דער לייב שטארבט זעצען זיך דארט אריין בינען און לייגן דארטן האניג. דאס קען מיינען רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב־אִישׁ וַעֲצַת יְהֹוָה הִיא תָקוּם: (משלי יט כא) דער שונא מיינט אה! איך האב אפגעטאן מיין שונא אבער למעשה האט ער אים גאר געהאלפן, ווייל ועצת ה' היא תקום. דאס זאגט מען יעדן טאג "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים. נאר דער אויבערשטער ער אליין פירט וואס אלע באשעפענישן ווילן און קענען טאן. אין עוד מלבדו. (שמח זבולון)

נמצא למכירה אצלי בחנות עולם הספרים אתרוגים מהודרים מארץ ישראל ולולבים דרי והדסים משולשים, מיר פארקויפן שוין דרייסיג יאר מיט צופרידינע קונים פון 11 ביז 9
4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f